בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

### משה רבינו דאווענט נאר אויף יהושע בן נון • דער מדה פון 'גאוה' האט אראפגעברענגט די מרגלים • יהושע ווערט געראטעוועט בזכות מדת ענוה • די מרגלים האבן מורא פון פארלירן זייער גרויסקייט

***אֵלֶּה שְׁמוֹת הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר שָׁלַח מֹשֶׁה לָתוּר אֶת הָאָרֶץ וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ (יג, טז):*** דער הייליגער 'זרע שמשון' ברענגט אראפ די קשיא וואס אסאך מְפָרְשִׁים שטעלן זיך (כלי יקר און נאך), פארוואָס האט משה רבינו געדאווענט בלויז אויף יהושע בן נון און נישט אויף כלב בן יפונה?

**זאָגט** דער זרע שמשון - 'קושיא מעיקרא ליתא' - דער קשיא פאנגט זיך נישט אן, פארוואס עפעס זאל כלב זיין מער ווי אלע אנדערע מרגלים? און עס שטייט דאך אין חז"ל (ווערט געברענגט אין רש"י יג, ג), '**ואותה שעה כשרים היו**' אין די צייט ווען משה רבינו האט ארויסגעשיקט די מרגלים זענען אלע געווען כשר און ערליך. און אויב וואלט משה רבינו מתפלל געווען אויף כלב וואלט ער אויך געדארפט מתפלל זיין אויף אלע אנדערע מרגלים.

**נאר** וואס דען - ערקלערט דער 'זרע שמשון' - יעדער איינער פון די מרגלים האט פארמאגט זיין אייגענע בחירה, יעדער האט געקענט אויסוועלן ווי אזוי ער זאל זיך באפאסן מיט ארץ ישראל, דעריבער האט משה רבינו געהאלטן ס'פעהלט נישט אויס צו מתפלל זיין אויף די מרגלים, דעריבער האט ער אויך נישט מתפלל געווען אויף כלב בן יפונה.

◆ ◆ ◆

**זאגט** דער זרע שמשון - געוויס האט משה רבינו מורא געהאט אויף די מרגלים אז זיי זאלן נישט פאַרקרימען מיט זייער שליחות און זאגן גוט שלעכטס אויף ארץ ישראל, און ער האט מורא געהאט אז טייל אָדער אלע מרגלים וועלן איבערדרייען זייער שליחות צו שלעכטס און וועלן טוהן דערמיט דאס פארקערטע.

**אבער** אלע זענען געווען און די זעלבע מצב צוגלייך, און כלב וואלט אויך געקענט ווערן שלעכט צוזאמען מיט זיי, און וויבאלד אלע זענען געווען כשר און ערליך (אויב וואלטן זיי נישט געווען כשר וואלט זיי משה רבינו קיינמאל נישט געשיקט), דעריבער האט משה רבינו געהאלטן אז עס פאסט צו דאווענען פאר זיי וויבאלד יעדער פארמאגט א בחירה.

**אבער** אלע ספק - האט משה רבינו געדאווענט פאר זיין תלמיד יהושע בן נון און מתפלל געווען אויב וועלן די מרגלים אויפקומען מיט א שלעכטע עצה, זאל יהושע בן נון נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך זיי, און געדאווענט ער זאל ווערן געראטעוועט פון דעם.

◆ ◆ ◆

ממשיכים בלימוד
ספר תולדות שמשון
על מסכת אבות
ספרו הראשון של רבינו




תורמים
לזרע שמשון
ורואים ישועות
02-80-80-500
347-496-5657
www.zerashimshon.co.il
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

**אבער** מען דארף פארשטיין פארוואס טאקע האט משה רבינו געדאווענט נאר פאר יהושע בן נון?

**ערקלערט** דער 'זרע שמשון' - לויט ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (ח"ג דף קנ"ח ע"א), דער אורזאך וואס האט צוגעברענגט אז די מרגלים זאלן רעדן שלעכטס אויף ארץ ישראל, איז געווען צוליב וואס זיי זענען געווען '**ראשי בני ישראל**' (פסוק יג, ג), און האבן מורא געהאט אז זיי וועלן אראפגענידערט ווערן פון זייער גרויסקייט - זיי האבן געזאגט - נאר דא אינעם מדבר האט אונז משה רבינו געמאכט פאר הויפטן אויף כלל ישראל אבער ווען מ'גייט אריינגיין אין ארץ ישראל וועט משה רבינו שטעלן אנדערע הויפטן אויף כלל ישראל אנשטאט אונז.

**דעריבער**, אויס זארג זיי וועלן פארלירן זייער הויכע פאָסטן און חשובע פּאָזיציע האבן זיי געוואלט אָפּרעדן כלל ישראל פון אריינצוגיין אין ארץ ישראל, אזוי וועלן זיי קענען פארבלייבן הויפטן אויף כלל ישראל.

**פירט** אויס דער זרע שמשון - קומט אויס דאס גאנצע פּראָבלעם פון די מרגלים איז געווען '**גאוה**'. דאקעגן יהושע בן נון וועלכע איז געווען '**נער לא ימיש מתוך האוהל**' א תלמיד מובהק פון זיין רבי משה רבינו, און עס האט זיכער אנגעקלעפט אין אים די מדות פון זיין גרויסע רבי 'משה רבינו', הויפטזעכליך די מדה פון 'ענוה' ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר יב, ג), '**והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה**'.

**ממילא** האט משה רבינו מתפלל געווען אויף יהושע וויבאלד ער האט מדת ענוה זאל ער געראטעוועט ווערן פון די עצת מרגלים וואס שטאמט פון די מדה פון גאוה.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לזיווג הגון | לעילוי נשמת |
| --- | --- | --- | --- |
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מדים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים | דניאל אודי בן רג'ינה מלכה<br>להצלחה גדולה בלי גבול ומדה<br>וסייעתא דשמיא בכל אשר הוא פונה | ישראל אליהו בן שרה<br>לזיווג הגון בקרוב<br>ולהצלחה וברכה בלימודים והמבחנים | האשה החשובה<br>מרת פאני בת דוב ע"ה<br>נלב"ע ט"ז סיון תשמ"ח ת.נ.צ.ב.ה. |

◆ ◆ ◆

**געוני** די זעלבע ווערטער שטייט אין תרגום יונתן בן עוזיאל (יג, טז), **'וכדי חמא משה ענוותנותיה, קרא משה להושע בר נון יהושע'** - ווען משה רבינו האט געזעהן דאס ענוה פון זיין תלמיד הושע האט ער אים א נאמען געגעבן 'יהושע', י-ה יושיעך מעצת מרגלים.

**דאס** איז זייער פארשטענדליך לויטן אויבנדערמאנטן פשט, די סיבה פארוואס משה רבינו האט מתפלל געווען אויף יהושע איז געווען וויבאלד ער האט געהאט מיט זיך מדת ענוה, דאקעגן די אנדערע מרגלים האבן דאס נישט געהאט מיט זיך, און זענען ווירקליך דורכגעפאלן צוליב זייער גאוה פון פארלירן זייער גרויסקייט. (זרע שמשון פרשתנו אות א')

## דאס טענה'דיי צווישן כלב מיט די מרגלים • משה רבינו געבט איבער פאר די מרגלים דעם שם המפורש • די כנענים זענען געווען פארנומען מיט זייערע טויטע • דער אויבערשטער באנוצט זיך ענדערש מיט טבע ווי איידער ניסים

**וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר עָלוּ עִמּוֹ אָמְרוּ לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ וַיֹּצִיאוּ דִּבַּת הָאָרֶץ אֲשֶׁר תָּרוּ אֹתָהּ אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הָאָרֶץ אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בָהּ לָתוּר אֹתָהּ אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ הִוא וְכָל הָעָם אֲשֶׁר רָאִינוּ בְתוֹכָהּ אַנְשֵׁי מִדּוֹת** (יג, ל - לב): דער הייליגער 'זרע שמשון' שטעלט זיך אויפן אויסשטעל ווי אזוי די טענה'ריי צווישן כלב אין די מרגלים איז צוגעאנגען.

**אין** די פסוקים ווערט געברענגט די פאלגענדע סדר:

**די** מרגלים קערן זיך צוריק פון ארץ ישראל און פאנגן אן צו רעדן שלעכטס אויפן לאנד און אויף די מענטשן וואס געפונען זיך דארט. כלב שטעלט זיך ארויף אויף א בענקל, און מאכט שטיל די אנגעצינדנע געמוטער און מוטיגט כלל ישראל אז מ'וועט יא קענען באזיגן און ארויפגיין קיין ארץ ישראל, (כלשון המדרש טז, יט, מיד עמד על הספסל ושתק את כל ישראל שהיו מצווחין על משה).

**דערנאך** רופן זיך די מרגלים אן מיט א טענה, (וואס דאס דארף לכאורה פארענטפערן די ווערטער פון כלב), און זאגן **'לא נוכל לעלות אל העם כי חזק הוא ממנו'** מ'וועט נישט קענען ארויפגיין וויבאלד דאס פאלק דארט איז שטערקער פון אונז, און האבן אנגעהויבן צו רעדן לשון הרע אויף ארץ ישראל און געזאגט **'ארץ אכלת יושביו וגו'**'.

**דארף** מען פארשטיין, פארוואס האבן די מרגלים געזאגט די ווערטער **'לא נוכל לעלות אל העם כי חזק הוא ממנו'** נאך נאכדעם וואס כלב האט געזאגט זיינע ווערטער? אויך דארף מען פארשטיין מיט וואס איז דאס אן אָפּשלאָג אויף די ווערטער פון כלב? און וואס ווילן זיי צולייגן מיטן זאָגן **'ארץ אכלת יושביה'**?

**זאגט** דער הייליגער 'זרע שמשון', עס שטייט אין זוהר הק' (ח"ג דף ק"ס ע"ב), איידער די מרגלים זענען ארויפגעגאנגען אויסשפּיאנירן ארץ ישראל האט זיי משה רבינו איבערגעגעבן די כוונה פונעם פאָרכטיגן שם הקדוש 'הוי"ה', אין פאַל פון נויט איז די כנענים ווילן זיי עפעס שלעכטס טוהן זאלן זיי זיך קענען פארטיידיגן דורך'ן אינזינען האבן דעם שם הוי"ה און זיך קענען ראטעווען.

◆ ◆ ◆

**לויט** דעם קען מען ערקלערן די סדר הפסוקים:

**די** מרגלים קומען צוריק און פאנגן אן צו רעדן שלעכטס אויפן לאנד און אויף די מענטשן וואס געפונען זיך דארט, **'והערים בצורות וגו' וגם ילידי הענק ראינו שם'**. זיי זענען זייער שטארק און מ'וועט זיי נישט קענען בייקומען.

**אויף** דעם ענטפערט כלב, **עלה נעלה וירשנו אותה כי יכול וגו'**, כלב האט דערמיט מרמז געווען (מיט די סופי תיבות) אויפן שם הוי"ה, וואס משה רבינו האט זיי איבערגעגעבן, און מיט דעם כוונה וועט מען זיך קענען שטארקן אויף די כנענים.

**אויף** דעם ענטפערן צוריק די מרגלים, אין יעדנספאל איז ארץ ישראל נישט קיין גוטע ארט. און האבן גע'טענה'ט אזוי - **'לא נוכל לעלות אל העם כי חזק הוא ממנו'** - דאס פאלק איז זייער שטארק, ווי עס שטייט אין חז"ל (ערכין טו.) די מרגלים האבן געזאגט, **כי חזק הוא ממנו, וכו', ממנו - כביכול בעל הבית אין יכול להוציא כליו משם**. זיי זענען אזוי שטארק אפילו דער בעה"ב (כביכול דער באשעפער) קען נישט ארויס נעמען פון דארט זיינע כלים (ד. ה. די מענטשן וואס געפונען זיך דארט).

**און** די מרגלים האבן פארגעזעצט און גע'טענה'ט, ווי אימער אונז זענען געגאנגען האט דער אויבערשטער געמאכט אז די כנענים זאלן באגראבן זייערע טויטע, כדי זיי זאלן נישט באמערקן ווי די מרגלים דרייען זיך דארט. און אויב וואלטן זיי נישט געווען פארנומען מיט זייערע טויטע און וואלטן מלחמה געהאלטן מיט אונז - זאגן די מרגלים - וואלטן זיי זיכער באזיגט. ווייל פארוואס האט דער אויבערשטער זיי געדארפט מאכן פארנומען מיט זייערע מתים? אונז האבן דאך פארמאגט דעם שם הוי"ה פון משה רבינו. דעריבער האבן די מרגלים גע'טענה'נט - כביכול דער אויבערשטער האט נישט קיין כח זיי צו ראטעווען פון די כנענים.

**די** מרגלים זאגן ווייטער - אויב וועסטו זאגן, מ'וואלט זיך יא געקענט ראטעווען מיט דעם שם הוי"ה, און דאס וואס עס איז געשטארבן אסאך מענטשן איז געווען צוליב וואס עס איז געקומען זייער צייט צו שטארבן, איז דאס ווייטער נישט גוט צו גיין צו ארץ ישראל, וויבאלד דאס ווייזט אז **'ארץ אוכלת יושביה'** - א לאנד וואס פארלענדט אירע איינוואוינער'ס.

◆ ◆ ◆

**אבער** די אמת איז - ערקלערט דער 'זרע שמשון' - פארוואס דער אויבערשטער האט געמאכט די כנענים זאלן זיין פארנומען מיט זייערע טויטע אזוי ארום זאלן זיי נישט באמערקן די מרגלים, טראץ וואס די מרגלים האבן פארמאגט דעם שם הוי"ה. איז געווען צוליב דעם וואס דער אויבערשטער וויל ענדערש מאכן ניסים וואס איז מער פארשטענדליך אינעם דרך הטבע (מענטשן זאלן שטארבן), ווי איידער צו מאכן ניסים וואס זענען מחוץ לדרך הטבע (זיך צו באנוצן מיטן שם הוי"ה). (זרע שמשון פרשתנו אות ב')


**'קול זרע שמשון העולמי'**

| | |
|---|---|
| ארץ ישראל | 02-80-80-600 |
| ארה"ב | 716-229-4808 |
| לונדון | 0333-300-2515 |

ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

**תורמים ונושעים**

| | |
|---|---|
| ארץ ישראל | 02-80-80-500 |
| ארה"ב | 347-496-5657 |

או באתר: www.zerashimshon.co.il

כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת



**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204



צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120